בס"ד

בס"ד

גליון 32

# דעם רבינ'ס מעשיות

## ספורי מעשיות משנים קדמוניות

## מרבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## המעשה עם הבחינות

### בלשה"ק ובאידיש

## מַעֲשֶׂה י"ג

## מ"שִׁבְעָה בֶּעטְלֶערְס" - "דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס" (3)

**דֶער צְווייטֶער טָאג - דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי שֶׁל שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה, חָזְרוּ וְזָכְרוּ הַזּוּג הַזֶּה אֶת הַבֶּעטְלֶיר הַשֵּׁנִי. הַיְנוּ הַחֵרֵשׁ שֶׁהֶחֱיָה אוֹתָם וְנָתַן לָהֶם לֶחֶם. וְהָיוּ בּוֹכִים וּמִתְגַּעְגְּעִים: אֵיךְ לוֹקְחִין לְכָאן אֶת אוֹתוֹ הַבֶּעטְלֶיר הַחֵרֵשׁ שֶׁהֶחֱיָה אוֹתָנוּ, כַּנַּ"ל? בְּתוֹךְ שֶׁהָיוּ מִתְגַּעְגְּעִים אַחֲרָיו, וְהִנֵּה הוּא בָּא,

וְאָמַר הִנֵּנִי! וְנָפַל עֲלֵיהֶם, וְנָשַׁק אוֹתָם, וְאָמַר לָהֶם: עַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם בְּמַתָּנָה שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי, שֶׁתִּחְיוּ חַיִּים טוֹבִים כָּמוֹנִי. כִּי בִּתְחִלָּה בֵּרַכְתִּי אֶתְכֶם בָּזֶה, וְעַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם חַיִּים טוֹבִים שֶׁלִּי, בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה לַדְּרָשָׁה.

וְאַתֶּם סוֹבְרִים שֶׁאֲנִי חֵרֵשׁ? אֵין אֲנִי חֵרֵשׁ כְּלָל! רַק שֶׁכָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אֵינוֹ עוֹלֶה אֶצְלִי לִכְלוּם, שֶׁאֶשְׁמַע הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּהֶם. כִּי כָּל הַקּוֹלוֹת, כֻּלָּם הֵם מִן חֶסְרוֹנוֹת. כִּי כָּל אֶחָד וְאֶחָד צוֹעֵק עַל חֶסְרוֹנוֹ. וַאֲפִלּוּ כָּל הַשְּׂמָחוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, כֻּלָּם הֵם רַק מֵחֲמַת הַחִסָּרוֹן, שֶׁשָּׂמֵחַ עַל הַחִסָּרוֹן שֶׁחָסֵר לוֹ וְנִתְמַלֵּא.

וְאֶצְלִי, כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אֵינוֹ עוֹלֶה לִכְלוּם, שֶׁיִּכָּנְסוּ בְּאָזְנַי הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּהֶם. כִּי אֲנִי חַי חַיִּים טוֹבִים שֶׁאֵין בָּהֶם שׁוּם חִסָּרוֹן.

וְיֵשׁ לִי הַסְכָּמָה עַל זֶה שֶׁאֲנִי חַי חַיִּים טוֹבִים, מִן הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת. וְחַיִּים טוֹבִים שֶׁלּוֹ הוּא, שֶׁהָיָה אוֹכֵל לֶחֶם וְשׁוֹתֶה מַיִם. (וְסִפֵּר לָהֶם): כִּי יֵשׁ מְדִינָה שֶׁיֵּשׁ בָּהּ עֲשִׁירוּת גָּדוֹל, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אוֹצָרוֹת גְּדוֹלִים.

פַּעַם אַחַת נִתְקַבְּצוּ. וְהִתְחִיל כָּל אֶחָד לְהִתְפָּאֵר עִם חַיִּים טוֹבִים שֶׁלּוֹ, אֵיךְ הוּא חַי חַיִּים טוֹבִים,

וְכֵן סִפֵּר כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִסֵּדֶר הַחַיִּים טוֹבִים שֶׁלּוֹ. וְעָנִיתִי וְאָמַרְתִּי לָהֶם. אֲנִי חַי חַיִּים טוֹבִים, שֶׁהֵם טוֹבִים יוֹתֵר מֵחַיִּים טוֹבִים שֶׁלָּכֶם. וְהָא רְאָיָה, כִּי אִם אַתֶּם חַיִּים חַיִּים טוֹבִים, אֶרְאֶה אִם תּוּכְלוּ לְהוֹשִׁיעַ אֶת מְדִינָה פְּלוֹנִית.

הֱיוֹת שֶׁיֵּשׁ מְדִינָה שֶׁהָיָה לָהֶם גַּן. וְהָיָה בְּאוֹתוֹ הַגָּן פֵּרוֹת, שֶׁהָיָה לָהֶם כָּל מִינֵי טְעָמִים שֶׁבָּעוֹלָם. גַּם הָיָה שָׁם כָּל מִינֵי רֵיחוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, גַּם הָיוּ שָׁם כָּל מִינֵי מַרְאֶה כָּל הַגְּוָנִין וְכָל "הַקְוֶויַאטִין" שֶׁבָּעוֹלָם, הַכֹּל הָיָה שָׁם בְּאוֹתוֹ הַגָּן.

וְהָיָה עַל הַגָּן גַּנָּנִי אֶחָד (שֶׁקּוֹרִין אַגְרָאדְנִיק). וְהָיוּ בְּנֵי אוֹתוֹ הַמְּדִינָה חַיִּים חַיִּים טוֹבִים עַל יְדֵי אוֹתוֹ הַגָּן. וְנֶאֱבַד שָׁם הַגַּנָּנִי. וְכָל מַה שֶׁהָיָה שָׁם בְּאוֹתוֹ הַגָּן, בְּוַדַּאי מֻכְרָח לִהְיוֹת כָּלֶה וְנִפְסָד, מֵאַחַר שֶׁאֵין שָׁם הַמְמֻנֶּה, דְּהַיְנוּ הַגַּנָּנִי. אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן הָיוּ יְכוֹלִים לִחְיוֹת מִן הַסְּפִיחִים שֶׁבַּגָּן.

וּבָא עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ אַכְזָר עַל אוֹתָהּ הַמְּדִינָה, וְלֹא הָיָה יָכוֹל לַעֲשׂוֹת לָהֶם דָּבָר. וְהָלַךְ וְקִלְקֵל אֶת הַחַיִּים טוֹבִים שֶׁל הַמְּדִינָה שֶׁהָיָה לָהֶם מִן הַגָּן.

וְלֹא שֶׁקִּלְקֵל אֶת הַגָּן. רַק שֶׁהִשְׁאִיר שָׁם בְּאוֹתָהּ הַמְּדִינָה שָׁלֹשׁ כִּתּוֹת עֲבָדִים, וְצִוָּה עֲלֵיהֶם שֶׁיַּעֲשׂוּ מַה שֶּׁפָּקַד עֲלֵיהֶם. וְעַל יְדֵי זֶה קִלְקְלוּ אֶת הַטַּעַם. שֶׁעַל יְדֵי מַה שֶּׁעָשׂוּ שָׁם, כָּל מִי שֶׁיִּרְצֶה לִטְעֹם אֵיזֶה טַעַם יִהְיֶה טַעַם נְבֵלָה.

וְכֵן קִלְקְלוּ אֶת הָרֵיחַ. שֶׁכָּל הָרֵיחוֹת, יִהְיֶה לָהֶם רֵיחַ חֶלְבְּנָה.

וְכֵן קִלְקְלוּ אֶת הַמַּרְאֶה, שֶׁהֶחְשִׁיכוּ אֶת הָעֵינַיִם כְּאִלּוּ יֵשׁ עֲנָנִים וְעָבִים. (הַכֹּל עַל יְדֵי מַה שֶּׁעָשׂוּ שָׁם, כַּאֲשֶׁר צִוָּה עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ הָאַכְזָר כַּנַּ"ל)

וְעַתָּה, אִם אַתֶּם חַיִּים חַיִּים טוֹבִים, אֶרְאֶה אִם תּוּכְלוּ לְהוֹשִׁיעַ אוֹתָם. וַאֲנִי אוֹמֵר לָכֶם (כָּל זֶה דִּבְרֵי הַחֵרֵשׁ הַנַּ"ל) שֶׁאִם לֹא תּוֹשִׁיעוּ אוֹתָם, יוּכְלוּ הַקִּלְקוּלִים הַנַּ"ל שֶׁל אוֹתוֹ הַמְּדִינָה לְהַזִּיק לָכֶם גַּם־כֵּן.

וְהָלְכוּ הָעֲשִׁירִים הַנַּ"ל אֶל אוֹתוֹ הַמְּדִינָה, וְגַם אֲנִי הָלַכְתִּי עִמָּהֶם. וְגַם בְּדֶרֶךְ הִלּוּכָם הָיוּ חַיִּים גַּם־כֵּן כָּל אֶחָד וְאֶחָד חַיִּים טוֹבִים שֶׁלּוֹ, כִּי הָיוּ לָהֶם אוֹצָרוֹת כַּנַּ"ל.

כְּשֶׁבָּאוּ סָמוּךְ לַמְּדִינָה, הִתְחִיל לְהִתְקַלְקֵל גַּם אֶצְלָם הַטַּעַם וּשְׁאָר הַדְּבָרִים, וְהִרְגִּישׁוּ בְּעַצְמָם שֶׁנִּתְקַלְקֵל אֶצְלָם. וְאָמַרְתִּי לָהֶם: אִם עַתָּה, שֶׁעֲדַיִן לֹא נִכְנַסְתֶּם אֶצְלָם, כְּבָר נִתְקַלְקֵל אֶצְלְכֶם הַטַּעַם וְכוּ', וְאֵיךְ יִהְיֶה אִם תִּכָּנְסוּ לְשָׁם? וּמִכָּל שֶׁכֵּן אֵיךְ תּוּכְלוּ לְהוֹשִׁיעַ אוֹתָם.

וְלָקַחְתִּי לֶחֶם שֶׁלִּי וּמַיִם שֶׁלִּי, וְנָתַתִּי לָהֶם. וְהִרְגִּישׁוּ בַּלֶּחֶם וּמַיִם שֶׁלִּי כָּל הַטְּעָמִים, (וְכָל הָרֵיחוֹת וְכוּ') וְנִתְתַּקֵּן מַה שֶּׁנִּתְקַלְקֵל אֶצְלָם.

וּבְנֵי הַמְּדִינָה הַנַּ"ל, הַיְנוּ הַמְּדִינָה שֶׁהָיָה שָׁם הַגָּן הַנַּ"ל, הִתְחִילוּ לְפַקֵּחַ עַל תִּקּוּן הַמְּדִינָה שֶׁנִּתְקַלְקֵל אֶצְלָם הַטַּעַם וְכוּ' כַּנַּ"ל.

וְנִתְיַשְּׁבוּ: הֱיוֹת שֶׁיֵּשׁ מְדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת, (הַיְנוּ אוֹתוֹ הַמְּדִינָה עַצְמָהּ הַנַּ"ל) וְנִרְאֶה לָהֶם שֶׁהַגַּנָּנִי שֶׁלָּהֶם שֶׁנֶּאֱבַד (שֶׁעַל יָדוֹ הָיָה לָהֶם חַיִּים

טוֹבִים) הוּא מִשֹּׁרֶשׁ אֶחָד עִם אוֹתָן בְּנֵי הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם גַּם־כֵּן חַיִּים טוֹבִים. עַל כֵּן הָיְתָה עֲצָתָם לִשְׁלֹחַ אֶל אוֹתוֹ הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת, וּבְוַדַּאי יוֹשִׁיעוּ אוֹתָם. וְכֵן עָשׂוּ. וְשָׁלְחוּ שְׁלוּחִים אֶל אוֹתוֹ הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת. וְהָלְכוּ הַשְּׁלוּחִים, וּפָגְעוּ בָּהֶם. (הַיְנוּ שֶׁהַשְּׁלוּחִים פָּגְעוּ בִּבְנֵי אוֹתוֹ הַמְּדִינָה עַצְמָהּ שֶׁל עֲשִׁירוּת. כִּי הֵם הָיוּ רוֹצִים לֵילֵךְ אֶצְלָם כַּנַּ"ל)

וְשָׁאֲלוּ אֶת הַשְּׁלוּחִים: לְהֵיכָן אַתֶּם הוֹלְכִים? הֵשִׁיבוּ: אָנוּ הוֹלְכִים אֶל אוֹתוֹ הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת, שֶׁיּוֹשִׁיעוּ אוֹתָנוּ. עָנוּ וְאָמְרוּ: אֲנַחְנוּ בְּעַצְמֵנוּ הֵם בְּנֵי אוֹתָהּ הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת, וְאָנוּ הוֹלְכִים אֶצְלְכֶם.

אָמַרְתִּי אֲנִי לָהֶם: (הַיְנוּ הַחֵרֵשׁ שֶׁמְּסַפֵּר כָּל זֶה אָמַר לָהֶם) הֲלֹא אַתֶּם צְרִיכִים אֵלַי, כִּי אַתֶּם לֹא תּוּכְלוּ לֵילֵךְ לְשָׁם לְהוֹשִׁיעַ לָהֶם כַּנַּ"ל. עַל כֵּן אַתֶּם תִּשָּׁאֲרוּ כָּאן, וַאֲנִי אֵלֵךְ עִם הַשְּׁלוּחִים לְהוֹשִׁיעַ לָהֶם. וְהָלַכְתִּי עִמָּהֶם. וְנִכְנַסְתִּי בַּמְּדִינָה בְּאֵיזֶה עִיר. וּבָאתִי, וְרָאִיתִי שֶׁבָּאִים אֲנָשִׁים וְאוֹמְרִים אֵיזֶה דְּבַר הֲלָצָה (שֶׁקּוֹרִין וֶוערְטִיל). וְאַחַר־כָּךְ מִתְקַבְּצִים עֲלֵיהֶם עוֹד אֵיזֶה בְּנֵי אָדָם עַד שֶׁנַּעֲשֶׂה אֵיזֶה קִבּוּץ, וְאוֹמְרִים אֵיזֶה דִּבְרֵי הֲלָצוֹת (הַיְנוּ וֶוערְטְלִיךְ) וְהֵם מְחַיְּכִים וְשׂוֹחֲקִים. וְהִטֵּיתִי אֹזֶן וְשָׁמַעְתִּי שֶׁהֵם מְדַבְּרִים נִבּוּל פֶּה. וְזֶה אוֹמֵר דִּבְרֵי נִבּוּל פֶּה, וְזֶה אוֹמֵר בְּדַקּוּת יוֹתֵר, וְזֶה שׂוֹחֵק וְזֶה יֵשׁ לוֹ הֲנָאָה וְכַיּוֹצֵא.

אַחַר־כָּךְ הָלַכְתִּי לְהַלָּן לְעִיר אַחֶרֶת. וְרָאִיתִי שֶׁשְּׁנֵי בְּנֵי אָדָם מְרִיבִים זֶה עִם זֶה מֵחֲמַת אֵיזֶה מַשָּׂא וּמַתָּן. וְהָלְכוּ אֶל הַבֵּית־דִּין לָדִין, וּפָסַק לָהֶם הַבֵּית־דִּין: זֶה זַכַּאי וְזֶה חַיָּב. וְיָצְאוּ מִן הַבֵּית־דִּין. אַחַר־כָּךְ חָזְרוּ וְנִתְקוֹטְטוּ זֶה עִם זֶה.

וְאָמְרוּ שֶׁאֵינָם רוֹצִים זֶה הַבֵּית־דִּין, רַק הֵם רוֹצִים בֵּית־דִּין אַחֵר וּבָחֲרוּ לָהֶם בֵּית־דִּין אַחֵר, (כִּי מֵאַחַר שֶׁהֵם מְרֻצִּים עַל אוֹתוֹ הַבֵּית־דִּין שֶׁבָּחֲרוּ לָהֶם יְכוֹלִין לָדוּן לִפְנֵיהֶם) וְדָנוּ לִפְנֵי אוֹתוֹ הַבֵּית־דִּין. אַחַר־כָּךְ חָזְרוּ וְנִתְקוֹטְטוּ אֶחָד מֵאֵלּוּ עִם אַחֵר, וּבָחֲרוּ לָהֶם בֵּית־דִּין אַחֵר. וְכֵן הָיוּ מְרִיבִים וּמִתְקוֹטְטִים שָׁם, וּבָחֲרוּ לָהֶם כַּמָּה בָּתֵּי דִּינִים, עַד שֶׁכָּל הָעִיר הָיְתָה מְלֵאָה מִבָּתֵּי דִּינִים. וְהִסְתַּכַּלְתִּי, שֶׁזֶּה מֵחֲמַת שֶׁאֵין שָׁם אֱמֶת. וְעַתָּה זֶה מַטֶּה דִּין וְנוֹשֵׂא פָּנִים לָזֶה, וְאַחַר־כָּךְ חֲבֵרוֹ נוֹשֵׂא פָּנִים לוֹ, כִּי הֵם מְקַבְּלִים שֹׁחַד וְאֵין בָּהֶם אֱמֶת.

אַחַר־כָּךְ רָאִיתִי שֶׁהֵם מְלֵאִים נִאוּף מַמָּשׁ, וְיֵשׁ שָׁם נִאוּף הַרְבֵּה עַד שֶׁנַּעֲשָׂה כְּהֶתֵּר אֶצְלָם. וְאָמַרְתִּי לָהֶם, שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נִתְקַלְקֵל אֶצְלָם הַטַּעַם וְהָרֵיחַ וְהַמַּרְאֶה.

כִּי זֶה הַמֶּלֶךְ הָאַכְזָר הִשְׁאִיר אֶצְלָם שָׁלֹשׁ כִּתּוֹת עֲבָדִים הַנַּ"ל, שֶׁיִּהְיוּ הוֹלְכִים וּמְקַלְקְלִים אֶת הַמְּדִינָה. שֶׁהָיוּ הוֹלְכִים וּמְדַבְּרִים בֵּינֵיהֶם נִבּוּל פֶּה, וְהִכְנִיסוּ נִבּוּל־פֶּה בְּתוֹךְ הַמְּדִינָה, וְעַל־יְדֵי נִבּוּל פֶּה נִתְקַלְקֵל הַטַּעַם. שֶׁכָּל הַטְּעָמִים הֵם טַעַם נְבֵלָה.

וְכֵן הֵם הִכְנִיסוּ שֹׁחַד בַּמְּדִינָה. וְעַל יְדֵי זֶה נֶחְשְׁכוּ הָעֵינַיִם וְנִתְקַלְקֵל הַמַּרְאֶה, כִּי "הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים".

וְכֵן הֵם הִכְנִיסוּ נִאוּף בַּמְּדִינָה, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְקַלְקֵל הָרֵיחַ. (וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר בִּדְבָרֵינוּ שֶׁעַל־יְדֵי נִאוּף נִפְגָּם הָרֵיחַ)

עַל כֵּן, תִּרְאוּ לְתַקֵּן אֶת הַמְּדִינָה מִשָּׁלֹשׁ עֲבֵרוֹת אֵלּוּ, וּלְחַפֵּשׂ אַחֲרֵי הָאֲנָשִׁים הַנַּ"ל וּלְגָרְשָׁם. וְאָז כְּשֶׁתְּתַקְּנוּ שְׁלֹשָׁה עֲבֵרוֹת אֵלּוּ, לֹא דַי שֶׁיִּתְתַּקֵּן הַטַּעַם וְהַמַּרְאֶה וְהָרֵיחַ, כִּי אִם גַּם הַגַּנָּבִי שֶׁנֶּאֱבַד יוּכַל גַּם־כֵּן לְהִמָּצֵא.

וְעָשׂוּ כֵּן. וְהִתְחִילוּ לְתַקֵּן אֶת הַמְּדִינָה מִשָּׁלֹשׁ עֲבֵרוֹת אֵלּוּ. וְחִפְּשׂוּ אַחֲרֵי הָאֲנָשִׁים הַנַּ"ל, וְהָיוּ תּוֹפְסִים אֶת אֵיזֶה אָדָם וְשׁוֹאֲלִין אוֹתוֹ: מֵהֵיכָן בָּאתָ לְכָאן? עַד שֶׁנִּתְבָּרְרוּ אֶצְלָם הָאֲנָשִׁים שֶׁל הַמֶּלֶךְ הָאַכְזָר הַנַּ"ל, וְגֵרְשׁוּ אוֹתָם. וְתִקְּנוּ אֶת הַמְּדִינָה מֵעֲבֵרוֹת הַנַּ"ל.

בְּתוֹךְ כָּךְ נַעֲשָׂה רַעַשׁ: אֶפְשָׁר אַף־עַל־פִּי־כֵן זֶה הַמְשֻׁגָּע שֶׁהוֹלֵךְ וְאוֹמֵר שֶׁהוּא הַגַּנָּבִי, וְכָל אֶחָד מַחֲזִיק אוֹתוֹ לִמְשֻׁגָּע, וְזוֹרְקִין אַחֲרָיו אֲבָנִים וּמְגָרְשִׁין אוֹתוֹ, אֶפְשָׁר אַף־עַל־פִּי־כֵן אוּלַי הוּא הוּא הַגַּנָּבִי בֶּאֱמֶת?! וְהָלְכוּ וְהֵבִיאוּ אוֹתוֹ לִפְנֵיהֶם. (הַיְנוּ לִפְנֵי אֵלּוּ שֶׁיָּשְׁבוּ וְתִקְּנוּ אֶת הַמְּדִינָה. וְגַם הוּא הַיְנוּ הַחֵרֵשׁ שֶׁמְּסַפֵּר כָּל זֶה הָיָה שָׁם)

וְאָמַרְתִּי: בְּוַדַּאי זֶה הוּא הַגַּנָּבִי בֶּאֱמֶת! (נִמְצָא שֶׁנִּתְתַּקֵּן עַל יָדוֹ הַמְּדִינָה הַזֹּאת).

נִמְצָא, שֶׁיֵּשׁ לִי הַסְכָּמָה מֵאוֹתוֹ הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת, שֶׁאֲנִי חַי חַיִּים טוֹבִים. כִּי אֲנִי תִּקַּנְתִּי אֶת הַמְּדִינָה הַנַּ"ל כַּנַּ"ל.

וְעַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם בְּמַתָּנָה אֶת הַחַיִּים טוֹבִים שֶׁלִּי! וְנַעֲשָׂה שָׁם שִׂמְחָה גְּדוֹלָה וְחֶדְוָה רַבָּה מְאֹד: (וְכֵן כָּל הַבֶּעטְלֶירְשׁ הַנַּ"ל כֻּלָּם חָזְרוּ וּבָאוּ עַל הַחֲתֻנָּה, וְנָתְנוּ בְּמַתָּנָה לַדְּרָשָׁה. מַה שֶּׁבַּתְּחִלָּה בֵּרְכוּ אוֹתָם שֶׁיִּהְיוּ כְּמוֹתָם, וְעַכְשָׁו נָתְנוּ זֹאת בְּמַתָּנָה לַדְּרָשָׁה):

הָרִאשׁוֹן נָתַן לָהֶם בְּמַתָּנָה חַיִּים אֲרֻכִּים, וְהַשֵּׁנִי נָתַן לָהֶם בְּמַתָּנָה חַיִּים טוֹבִים.

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ______________________

טלפון ______________________

עיר ______________________

## מבחן בספורי מעשיות

### מעשה י"ג (3) - מהשבעה בעטלירס

**א. מה היה החיים טובים של בעטלער החרש?**
- ❑ שהיה מטייל הרבה
- ❑ שהיה אוכל לחם ושותה מים
- ❑ שהיה אוכל בשר ודגים וכל מטעמים

**ב. בהמשך המעשה: מה נעשה לעשירים כשאכלו הלחם והמים של הבעטלער החרש?**
- ❑ הרגישו כל הטעמים כל הריחות
- ❑ נתתקן הטעם ושאר הדברים שנתקלקל אצלם
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ג. עם מה התפארו העשירים של המדינה שיש בו עשירות גדול?**
- ❑ שיש להם הרבה עשירות
- ❑ שיש להם חיים ארוכים
- ❑ שיש להם חיים טובים

**ד. מה היה באותו הגן במדינה פלונית?**
- ❑ פירות שהיה להם כל מיני טעמים שבעולם
- ❑ כל מיני ריחות ומראה שבעולם
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ה. מה היה למדינה על ידי אותו הגן שהיה במדינה?**
- ❑ חיים ארוכים
- ❑ חיים טובים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ו. מה עשה המלך האכזר לבני המדינה שיש בו הגן?**
- ❑ קלקל את הגן
- ❑ קלקל את החיים טובים שלהם
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ז. מה קרה לעשירים כשבאו סמוך להמדינה הנ"ל?**
- ❑ זרקו את כספם
- ❑ התקלקל הטעם ושאר הדברים
- ❑ התחילו לצעוק

**ח. לאן שלחו שליחים המדינה של הגן?**
- ❑ לבעטלער החרש שיושיע אותם
- ❑ למדינה שיש בו עשירות שיושיע אותם
- ❑ לגנני שנאבד

**ט. מי הלך עם השלוחים של המדינה של הגן?**
- ❑ הבעטלער החרש להושיע אותם
- ❑ העשירים של המדינה להושיע אותם
- ❑ הגנני שנאבד להושיע אותם

**י. מה שמע הבעטלער החרש שהם מדברים במדינה?**
- ❑ דברי חיזוק והתעוררות
- ❑ לשון הרע
- ❑ ניבול פה

**יא. מה ראה הבעטלער החרש על בתי דינים שם?**
- ❑ שהם יראים ושלמים
- ❑ שהם תמימים ויש בהם אמת
- ❑ שהם מקבלים שוחד ואין בהם אמת

**יב. מה עוד ראה הבעטלער החרש במדינה שם?**
- ❑ שהם בעלי גאוה
- ❑ שהם מלאים נאוף
- ❑ שהם בעלי אמונה

**יג. איך קלקל המלך האכזר את הטעם של המדינה הנ"ל?**
- ❑ כי השאיר אצלם כתה שמדברים נִבּוּל פה
- ❑ כי השאיר אצלם כתה שנותנים שוחד
- ❑ כי השאיר אצלם כתה של ניאוף

**יד. איך קלקל המלך האכזר את המראה של המדינה הנ"ל?**
- ❑ כי השאיר אצלם כתה שמדברים נִבּוּל פה
- ❑ כי השאיר אצלם כתה שנותנים שוחד
- ❑ כי השאיר אצלם כתה של ניאוף

**טו. איך קלקל המלך האכזר את הריח של המדינה הנ"ל?**
- ❑ כי השאיר אצלם כתה שמדברים נִבּוּל פה
- ❑ כי השאיר אצלם כתה שנותנים שוחד
- ❑ כי השאיר אצלם כתה של ניאוף

**טז. מה יהיה אם יתקנו את המדינה מג' עבירות הנ"ל?**
- ❑ יתתקן להם הטעם והמראה והריח
- ❑ ימצאו את הגנני שנאבד
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יז. איזה מתנה נתן להם הבעטלער החרש?**
- ❑ חיים ארוכים
- ❑ חיים טובים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יח. שאלת זכות: באיזה יום סיפר רבינו את המעשה של הבעטלער החרש?** (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)
- ❑ ביום שב"ק כ"ה אדר תק"ע
- ❑ ביום רביעי כ"ט אדר תק"ע
- ❑ בליל שב"ק ג' ניסן תק"ע

**מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד - בהצלחה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ **"מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת"** – לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ – אָן צוּ פַאְרֶענְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע"ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א, אוּן פוּנֶעם צְוֵוייטְן דְרוּק שְׁנַת תר"י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז"ל / דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' בִּלְשׁוֹן־הַקּוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

## [פֶּרֶק ד] צְוֵוייטְן טָאג – דֶער 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער'

**[אוֹת א]** אִין דֶעם 'אַנְדֶערְן־טָאג' פוּן 'שִׁבְעַת־יְמֵי־הַמִּשְׁתֶּה' – הָאבְּן זִיךְ דִי 'חָתָן־כַּלָּה' ווִידֶער דֶערְמַאנְט: אִין דֶעם אַנְדֶערְן 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'טוֹיבֶּער'! – וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶּה גֶעוֶוען, אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן 'בְּרוֹיט'!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּענְקְט: "וִוי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם 'טוֹיבְּן־בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְחַיֶּה גֶעוֶוען".

דֶערְוַוייל! ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִים – דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא"! – אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּמְגֶעפַאלְן! אוּן הָאט זֵיי גֶעקוּשְׁט! – אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה: אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ, אַז אִיר זָאלְט לֶעבְּן, אַזוֹי אַ 'חַיִּים־טוֹבִים' (כְּלוֹמַר: אַ גוּט לֶעבְּן), אַזוֹי־וִוי אִיךְ"!

וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶערְמִיט! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ מַיין 'חַיִּים־טוֹבִים', בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק'!

אִיר מֵיינְט: אַז אִיךְ בִּין 'טוֹיבּ'! – אִיךְ בִּין 'גָארְנִישְׁט־טוֹיבּ'! – נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט אָן, אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר 'חִסָּרוֹן'!

וָוארְן גָאר אַלֶע 'קוֹלוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן 'חֶסְרוֹנוֹת'! – וָוארְן אִיטְלֶעכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין 'חִסָּרוֹן'! דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶעם וָואס סְ'גֵייט אִים אָפּ [סְ'פֶעלְט אִים עֶפֶּעס]!

אוּן אֲפִילוּ אַלֶע 'שִׂמְחוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן 'חֶסְרוֹנוֹת'! – וָואס מְ'פְרֵיידְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סְ'אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען [סְ'הָאט אִים עֶפֶּעס גֶעפֶעלְט], אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סְ'אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען.

אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גָארְנִישְׁט אָן: אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר 'חִסָּרוֹן'! – וָוארְן אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי אַ 'חַיִּים־טוֹבִים', וָואס סְ'הָאט גָאר קַיין שׁוּם 'חִסָּרוֹן' נִישְׁט!

אוּן אִיךְ הָאבּ אַ 'הַסְכָּמָה' דֶערוֹיף, אַז אִיךְ לֶעבּ 'חַיִּים־טוֹבִים': פוּן דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'!

אוּן זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים' [פוּנֶעם דָאזִיגְן 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער'] אִיז גֶעוֶוען: [אַז] עֶר הָאט גֶעגֶעסְן 'בְּרוֹיט'! אוּן גֶעטְרוּנְקְן 'וַואסֶער'!

**[אוֹת ב]** (הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט): בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְ'פַארְהַאנְדְן אַ מְדִינָה, וָואס אִין אִיר אִיז גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת!

אַמָאל זֶענֶען זֵיי זִיךְ צוּם אוֹיפְגֶעקוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] דִי עֲשִׁירִים! – הָאט זִיךְ אִיטְלֶעכֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בַּארִימֶען מִיט זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים', וִויאַזוֹי עֶר לֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים'! –

אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶעם סֵדֶר פוּן זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים'!

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאבּ גֶעזָאגְט צוּ זֵיי (דְהַיְינוּ דֶער 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ): "אִיךְ לֶעבּ 'חַיִּים־טוֹבִים', בֶּעסֶערֶע פוּן אַייךְ! – וְהָא־רְאָיָה! וָוארְן אַז אִיר לֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים', הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה"!

וָוארְן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ מְדִינָה! וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ 'גָארְטְן'! – אוּן אִין דֶעם 'גָארְטְן', אִיז גֶעוֶוען 'פֵּירוֹת', וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'טְעָמִים' וָואס אִין דֶער וֶועלְט! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'רֵיחוֹת' וָואס אִין דֶער וֶועלְט! – אוּן סְ'דָארְט גֶעוֶוען אִין דֶעם 'גָארְטְן', אַלֶע עֶרְלֵיי 'מַרְאוֹת' – וָואסְפַארַא 'פַארְבּ', אוּן אַלֶע 'קְווִיאַטְן' [בְּלוּמֶען] וָואס אִין דֶער וֶועלְט, אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דָארְט אִין דֶעם 'גָארְטְן'!

אוּן סְ'גֶעוֶוען אִיבֶּער דֶעם 'גָארְטְן' – אַ 'אַגְרָאדְנִיק' [גֶערְטְנֶער]! (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר זֶעהְט צוּ, דֶעם [קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיפְן] גָארְטְן)!

פְלֶעגְט דִי מְדִינָה צוּ לֶעבְּן 'חַיִּים־טוֹבִים' דוּרְךְ דֶעם 'גָארְטְן'!

אִיז דָארְט דֶער 'אַגְרָאדְנִיק' פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן! – מֵילָא וָואס סְ'אִיז דָארְט דָא אִין דֶעם 'גָארְטְן', מוּז בְּוַודַאי שׁוֹין גָאר צוּנִישְׁט [פַארְלֶענְדְט] וֶוערְן – וָוארְן סְ'אִיז זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דָא דֶער 'אַגְרָאדְנִיק', וָואס עֶר זָאל דֶעם 'גָארְטְן' צוּזֶעהְן [אוּמְקוּקְן], אוּן זָאל זִיךְ פָארְן אַרוּם אִים, וָואס מְ'בַּאדַארְף אַרוּם דֶעם 'גָארְטְן' צוּ טוּהְן!

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] זֵיי וָואלְטְן נָאךְ גֶעקֶענְט לֶעבְּן, פוּן דִי סְפִיחִים פוּן דֶעם 'גָארְטְן' (דְהַיְינוּ: פוּן דֶער ווִידֶערְוַואקְסוּנְג – דְהַיְינוּ: דָאס וָואס סְ'וַואקְסְט אִין אַ גָארְטְן אַלֵיין, פוּן דֶעם וָואס סְ'פַאלְט אַרָאפּ)!

אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ 'מֶלֶךְ־אַכְזָר' (כְּלוֹמַר: אַ אוּמְדֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער) אוֹיף דֶער מְדִינָה – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' [אַכְזָר] הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טָאן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דִי 'חַיִּים־טוֹבִים' פוּן דֶער מְדִינָה, וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן דֶעם 'גָארְטְן'!

אוּן נִישְׁט עֶר הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'גָארְטְן' – נָאר עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין דֶער מְדִינָה, 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט' – אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט: "אַז זֵיי זָאלְן טָאן, דָאס וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן"!

אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעטָאן, דָאס וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן – דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'טַעַם'! – וָוארְן דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעטָאן – דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט: אַז וֶוער סְ'וֶועט וֶועלְן פִילְן אַ 'טַעַם', זָאל דָאס הָאבְּן אַ 'טַעַם' פוּן 'נְבֵילָה'!

**און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'רֵיחַ', אַז אַלֶע 'רֵיחוֹת' זָאלְן הָאבְּן אַ 'רֵיחַ' פוּן 'חֶלְבְּנָה'!**

**און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דִי 'מַרְאֶה'** [זֶעהְן] – **וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט, אַז סְ'זָאל זַיין טוּנְקֶל אִין דִי אוֹיגְן, אַזוֹי־וִוי סְ'אִיז אַז סְ'וָואלְקְנְדִיג** [סְ'פַארְוָואלְקְנְט]**!**

(דָאס הָאבְּן דִי 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט', אַלְץ אָנְגֶעאַרְבֶּעט אִין דֶער מְדִינָה, דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעטָאן, וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

**"הַיינְט אַז אִיר לֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים', הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה"!**

(אַזוֹי זָאגְט אַלְץ דֶער 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער', צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט, אַז זֵיי לֶעבְּן 'חַיִּים־טוֹבִים', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

**און אִיךְ זָאג אַייךְ: "אַז** [אוֹיבּ] **אִיר וֶועט זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן, וֶועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטְן"!** (דְהַיְינוּ: דָאס וָואס בַּיי דֶער מְדִינָה אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, דִי 'מַרְאֶה', און דֶער 'טַעַם', און דֶער 'רֵיחַ' – דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיךְ דֶערְלַאנְגְן)!

**הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲשִׁירִים הַנַ"ל** [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]**, און זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה! – און אִיךְ בִּין אוֹיךְ מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען!**

**און אוֹיף דֶעם וֶועג, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעלֶעבְּט אִיטְלֶעכֶער, זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים'! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אוֹצְרוֹת, כַּנַ"ל** [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]**!**

**וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ דֶער מְדִינָה – הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי זֵיי אוֹיךְ קַאלְיֶע צוּ וֶוערְן, דֶער 'טַעַם', און דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן!**

**הָאבְּן זֵיי דֶערְפִילְט: אַז סְ'אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן!**

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "מַאדָאךְ הַיינְט, אַז אִיר זֶענְט נָאךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה – אִיז שׁוֹין בַּיי אַייךְ קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער 'טַעַם'! און דִי 'מַרְאֶה'! און דֶער 'רֵיחַ'! – וִוי וֶועט שׁוֹין זַיין, אַז אִיר וֶועט אַהִין אַרַיינְגֵיין? – און מִכָּל־שֶׁכֵּן וִוי קֶענְט אִיר זֵיי נָאךְ הֶעלְפְן"?!**

**הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען מַיין 'בְּרוֹיט' און מַיין 'וַואסֶער', און הָאבּ זֵיי גֶעגֶעבְּן! – הָאבְּן זֵיי גֶעפִילְט אִין מַיין 'בְּרוֹיט' און 'וַואסֶער', אַלֶע 'טַעֲמִים'** (און אַלֶע 'רֵיחוֹת' וְכוּ')**! – און סְ'אִיז בַּיי זֵיי פַארְרֶעכְט** [פַארְרָאכְטְן] **גֶעוָוארְן, וָואס סְ'אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן** (דְהַיְינוּ: דֶער 'טַעַם', און דִי 'מַרְאֶה', און דֶער 'רֵיחַ')**!**

**[אוֹת ג] און יֶענֶע מְדִינָה, דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען דֶער 'גָארְטְן'** (וָואס בַּיי זֵיי הָאט מֶען קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'טַעַם' וְכוּ' כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – **הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְצוּקוּקְן, אַז זֵיי זָאלְן פַארְרֶעכְטְן דִי** [אֵייגֶענֶע] **מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶעם 'טַעַם' וְכוּ'!**

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: בַּאֲשֶׁר** [אַזוֹי־וִוי] **סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'** (דְהַיְינוּ: טַאקֶע דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס דֶער 'בֶּעטְלֶער' הָאט מִיט זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – **אִיז זֵיי גֶעפֶעלְן** (דְהַיְינוּ: דֶער מְדִינָה וָואס דֶער גָארְטְן אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען, אִיז זֵיי גֶעפֶעלְן)**: אַז דֶער 'אַגְרָאדְנִיק'** [גֶערְטְנֶער] **זֵייעֶר וָואס עֶר אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן** (וָואס דוּרְךְ אִים הָאבְּן זֵיי גֶעלֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים')**, אִיז עֶר פוּן אֵיין שׁוֹרֶשׁ מִיט דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', וָואס זֵיי לֶעבְּן אוֹיךְ 'חַיִּים־טוֹבִים'!**

**אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵיי גֶעפֶעלְן דִי עֵצָה: אַז זֵיי זָאלְן שִׁיקְן צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' – זֵיי וֶועלְן זֵיי בְּוַודַאי הֶעלְפְן!**

**הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן: און זֵיי הָאבְּן גֶעשִׁיקְט 'שְׁלוּחִים', צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'!**

**זֶענֶען דִי 'שְׁלוּחִים' גֶעגַאנְגֶען – הָאבְּן זֵיי אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע בַּאגֶעגְנְט!** (דְהַיְינוּ: דִי 'שְׁלוּחִים' הָאבְּן זִיךְ בַּאגֶעגְנְט, מִיט דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', אוֹיף דֶעם וֶועג – וָוארְן דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', הָאט זִיךְ צוּ זֵיי גֶעוָואלְט גֵיין, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

**הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁלוּחִים: "ווּאוּהִין גֵייט אִיר"?! – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר גֵייעֶן צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', אַז זֵיי זָאלְן אוּנְז הֶעלְפְן! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מִיר זֶענֶען דָאס אַלֵיין דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', און מִיר גֵייעֶן צוּ אַייךְ"!**

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן** (דְהַיְינוּ: דֶער 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) **צוּ זֵיי: "אִיר בַּאדַארְפְט זִיךְ צוּ מִיר, וָוארְן אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט גֵיין אַהִין, און זָאלְט זֵיי הֶעלְפְן, כַּנַ"ל** [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – (וָוארְן אַז זֵיי זֶענֶען נָאר גֶעוֶוען נָאנְט צוּ דֶער מְדִינָה, הָאט זֵיי אַלֵיין שׁוֹין אוֹיךְ גֶעשַׁאדְט – מִכָּל־שֶׁכֵּן וְכוּ' – כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])**! – בְּכֵן** [דֶערִיבֶּער]**! בְּלַייבְּט אִיר דָא, און אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט דִי 'שְׁלוּחִים', צוּ הֶעלְפְן זֵיי"!**

**[אוֹת ד] בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי 'שְׁלוּחִים', און בִּין גֶעקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין!**

**בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אַרַיין – הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן, סְ'קוּמֶען מֶענְטְשְׁן, און סְ'זָאגְט אֵיינֶער אַ 'וֶוערְטְל'! – און דֶערְנָאךְ זֶענֶען נָאךְ צוּגֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן – בִּיז סְ'גֶעוָוארְן אַ רֶעדְל** [גְרוּפֶּע] **מֶענְטְשְׁן, און זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט 'וֶוערְטֶלֶעךְ'! און זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט!**

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ צוּגֶעהֶערְט וָואס שְׁמוּעֶסְן זֵיי! – הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט: זֵיי רֶעדְן 'נִיבּוּל־פֶּה'! – און דֶער זָאגְט אַ וֶוערְטְל פוּן 'נִיבּוּל־פֶּה'! – און דֶער זָאגְט אַבִּיסְל אֵיידֶעלֶער! – און דֶער לַאכְט! – און דֶער הָאט הַנָאָה! – און דֶעסְטְגְלַייכְן, אַזוֹי־וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז!**

**דֶערְנָאךְ! בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אִין אַ אַנְדֶערֶע שְׁטָאט** (פוּן דֶער מְדִינָה)**! – הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן, מַחֲמַת** [צוּלִיבּ] **עֶפֶּעס אַ 'מַשָּׂא־וּמַתָּן'! – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית־דִין זִיךְ לָדוּן** [פִירְן דִין־תּוֹרָה]**! – הָאט זֵיי דָאס 'בֵּית־דִין' גֶעפַּסְקְנְ'ט: "דֶער אִיז 'זַכַּאי'! און דֶער אִיז 'חַיָּיב'!" – זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם 'בֵּית־דִין'!**

**דֶערְנָאךְ! הָאבְּן זֵיי זִיךְ וִוידֶער צוּקְרִיגְט, און הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז זֵיי וִוילְן שׁוֹין נִישְׁט דָאס 'בֵּית־דִין'! נָאר זֵיי וִוילְן אַ**

אַנְדֶער 'בֵּית־דִין'!" – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ אַנְדֶער 'בֵּית־דִין'! הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעלָאדְן [גֶעפִירְט דִי דִין־תּוֹרָה] פַאר יֶענֶעם 'בֵּית־דִין'!

דֶערְנָאךְ: הָאט זִיךְ ווִידֶער צוּקְרִיגְט אֵיינֶער פוּן דִי דָאזִיגֶע, מִיט אַ אַנְדֶערְן! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ אַנְדֶער 'בֵּית־דִין'! – אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט וַוייטֶער צוּקְרִיגְט, דֶער מִיט דֶעם, אוּן דֶער מִיט דֶעם – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַלֶעמָאל אַ אַנְדֶער 'בֵּית־דִין'! – בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיט 'בָּתֵּי־דִינִים'!

הָאבּ אִיךְ אַ קוּק גֶעטָאן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: אַז דָאס אִיז מַחֲמַת [וַוייל] סְ'אִיז דָארְט קַיין 'אֶמֶת' נִישְׁט דָא! – אוּן הַיינְט אִיז דֶער 'מַטֶה־דִין', אוּן אִיז 'נוֹשֵׂא־פָּנִים' צוּ דֶעם (כְּלוֹמַר: עֶר חַנְפְ'ט יֶענֶעם, אוּן פַּסְקְנְ'ט אִים צוּ)! – אוּן דֶערְנָאךְ אִיז יֶענֶער 'נוֹשֵׂא־פָּנִים' אִים (כְּלוֹמַר: דֶערְנָאךְ פַּסְקְנְ'ט יֶענֶער ווִידֶער אִים צוּ)! – וָוארְן זֵיי נֶעמֶען 'שׁוֹחַד'! אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי קַיין 'אֶמֶת' נִישְׁט דָא!

דֶערְנָאךְ! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט 'נִיאוּף' [זְנוּת]! – אוּן סְ'אִיז דָארְט זֵייעֶר פִיל 'נִיאוּף'! בִּיז סְ'אִיז שׁוֹין גָאר בַּיי זֵיי גֶעוָוארְן ווִי אַ הֶיתֵּר!

הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: אַז דֶערִיבֶּער אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, דֶער 'טַעַם'! אוּן דֶער 'רֵיחַ'! אוּן דִי 'מַרְאֶה'! – וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' דֶער 'אַכְזָר' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], עֶר הָאט בַּיי זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי 'דְרַיי כְּתּוֹת קְנֶעכְט' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אַז זֵיי זָאלְן אוּמְגֵיין [אַרוּמְגֵיין], אוּן זֵיי זָאלְן קַאלְיֶע מַאכְן דִי מְדִינָה!

וָוארְן זֵיי זֶענֶען אוּמְגֶעגַאנְגֶען [אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען], אוּן הָאבְּן גֶערֶעדְט צְווִישְׁן זֵיי 'נִיבּוּל־פֶּה', אוּן זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט 'נִיבּוּל־פֶּה' אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין! – אוּן דוּרְךְ 'נִיבּוּל־פֶּה', אִיז בַּיי זֵיי דוּרְכְדֶעם קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער 'טַעַם', אַז אַלֶע 'טַעֲמִים' הָאבְּן אַ 'טַעַם' פוּן 'נְבֵילָה'!

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט 'שׁוֹחַד' אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דִי 'מַרְאֶה', אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי טוּנְקֶל גֶעוָוארְן אִין דִי אוֹיגְן! – וָוארְן אַזוֹי שְׁטֵייט [דְבָרִים טז, יט]: "כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים" – כְּלוֹמַר: "שׁוֹחַד מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגְן"!

אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי 'קְנֶעכְט' אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט 'נִיאוּף' אִין דֶער מְדִינָה! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער 'רֵיחַ'! – וָוארְן דוּרְךְ 'נִיאוּף', ווֶערְט קַאלְיֶע דֶער 'רֵיחַ'!

(אוּן דָאס הָאט עֶס דֶער 'מֶלֶךְ־אַכְזָר' אִיבֶּערְגֶעלָאזְט 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט' אִין דֶער מְדִינָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן: "אַז זֵיי זָאלְן אוּמְגֵיין [אַרוּמְגֵיין], אוּן זֵיי זָאלְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי 'דְרַיי עֲבֵירוֹת' אִין דֶער מְדִינָה"! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, דִי 'מַרְאֶה'! אוּן דֶער 'טַעַם'! אוּן דֶער 'רֵיחַ'! כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! זָאלְט אִיר זֶעהְן פַארְרֶעכְטְן דִי מְדִינָה, פוּן דִי 'דְרַיי עֲבֵירוֹת'! – אוּן אִיר זָאלְט נָאכְזוּכְן נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן (דְהַיְינוּ: נָאךְ דִי 'קְנֶעכְט', וָואס זֵיי הָאבְּן עֶס אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט דִי 'דְרַיי עֲבֵירוֹת' אִין דֶער מְדִינָה, כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), אוּן אִיר זָאלְט זֵיי פַארְטְרַייבְּן!

אוּן אַז אִיר ווֶעט אַזוֹי טָאן, אוּן אִיר ווֶעט אָפְּרֵיינִיגְן דִי מְדִינָה פוּן דִי 'דְרַיי עֲבֵירוֹת' – זָאג אִיךְ אַייךְ: "אַז לֹא דַי [נִישְׁט נָאר], וָואס סְ'וֶועט בַּיי אַייךְ פַארְרֶעכְט ווֶערְן דֶער 'טַעַם'! אוּן דִי 'מַרְאֶה'! אוּן דֶער 'רֵיחַ'! – נָאכְמֶער, אֲפִילוּ דֶער 'אַגְרָאדְנִיק' [גֶערְטְנֶער] וָואס עֶר אִיז בַּיי אַייךְ פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, ווֶעט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען אָפְּזוּכְן"!

[אוֹת ה] הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן! אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹבְּן צוּ רֵיינִיגְן דִי מְדִינָה פוּן דִי 'דְרַיי עֲבֵירוֹת'! – אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְגֶעזוּכְט נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן (דְהַיְינוּ: נָאךְ דִי קְנֶעכְט הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעכַאפְּט אַ מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער"?! – בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ־אַכְזָר' (דְהַיְינוּ: דִי 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), אוּן זֵיי הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן, אוּן זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶערֵיינִיגְט דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲבֵירוֹת!

דֶערְוַוייל! אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ [טוּמֶעל]: "אֶפְשַׁר אִיז פָּארְט דֶער 'מְשׁוּגֶענֶער' דֶער 'אַגְרָאדְנִיק'"?! – וָוארְן סְ'גֵייט אוּם [אַרוּם] אַ 'מְשׁוּגֶענֶער', אוּן עֶר זָאגְט אַלְץ: "אַז עֶר אִיז דֶער 'אַגְרָאדְנִיק'"! – אוּן אִיטְלֶעכֶער הַאלְט אִים פַאר 'מְשׁוּגָע'! אוּן מְ'וַוארְפְט אִים נָאךְ שְׁטֵיינֶער! אוּן מְ'טְרַייבְּט אִים אַוֶועק! – "טָאמֶער פָּארְט אִיז טַאקֶע עֶר, דֶער 'אַגְרָאדְנִיק'"?!

אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן מְ'הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט!

הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'בֶּעטְלֶער' דֶער 'טוֹיבֶּער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ): "אַוַודַאי אִיז עֶר דֶער 'אַגְרָאדְנִיק'"! (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס זֵיי הָאבְּן פְרִיעֶר גֶעזָאגְט: "אַז עֶר אִיז 'מְשׁוּגָע'")!

[אוֹת ו] נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: הָאבּ אִיךְ אַ 'הַסְכָּמָה' פוּן דָארְט, אַז אִיךְ לֶעבּ 'חַיִּים־טוֹבִים': – וָוארְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְרֶעכְט דִי מְדִינָה! – (אוּן דוּרְךְ אִים, הָאט זִיךְ זֵיי אֲפִילוּ דֶער 'אַגְרָאדְנִיק' אָפְּגֶעזוּכְט – הָאבְּן זֵיי [דִי מְדִינָה] ווִידֶער גֶעלֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים' כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה מַיין 'חַיִּים־טוֹבִים'"!

אִיז דָארְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה'! אוּן אַ גְרוֹיסֶע 'חֶדְוָה'! אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר 'פְרֵייְלֶעךְ' גֶעוָוארְן!

דֶער עֶרְשְׁטֶער [בֶּעטְלֶער] הָאט זֵיי גֶעשֶׁענְקְט 'חַיִּים־אֲרוּכִים', דְהַיְינוּ: 'לַאנְג־לֶעבְּן'! – אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זֵיי גֶעשֶׁענְקְט 'חַיִּים־טוֹבִים', דְהַיְינוּ: 'גוּט־לֶעבְּן'!

אוּן אַזוֹי אַלֶע 'בֶּעטְלֶערְס', זֶענֶען אַלֶע דֶערְנָאךְ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער 'חֲתוּנָה' – אוּן הָאבְּן זֵיי גֶעשֶׁענְקְט 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק'! – דָאס דָאזִיגֶע [זַאךְ] וָואס זֵיי הָאבְּן זֵיי פְרִיעֶר גֶעוואוּנְטְשְׁן: "אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־ווִי זֵיי"! – אוּן הַיינְט הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעשֶׁענְקְט זֵיי: "בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק'"!

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלפון ______________________

שטאט ______________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (3) - פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס איז געווען דער גוטער לעבן פון דעם טויבן בעטלער?**
- ❑ ער איז אסאך ארום געפארן
- ❑ ער האט געגעסן ברויט און געטרינקען וואסער
- ❑ ער האט געגעסן אלע מיני מטעמים

***ב. בהמשך המעשה: וואס האט פאסירט צו די עשירים ווען זיי האבן גענומען ברויט און וואסער פון דעם בעטלער?***
- ❑ *זיי האבן געפילט אין דעם אלע טעמים און אלע ריחות*
- ❑ *עס האט פאראכטן זייער מראה טעם וריח*
- ❑ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ג. מיט וואס האבן זיך בארימט די עשירים וואס דער טויבער בעטלער האט פון זיי א הסכמה?**
- ❑ מיט זייער עשירות
- ❑ מיט זייער אריכות ימים
- ❑ מיט זייער חיים טובים

**ד. וואס איז געווען אין דעם גארטן וואס דער בעטלער דערציילט זיי פון דעם?**
- ❑ פירות וואס האבן אלע טעמים וואס ס'איז דא אין דער וועלט
- ❑ אלע מיני ריחות און אלע מיני מראות פון דער וועלט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט די מדינה געהאט דורך דעם גארטן?**
- ❑ אריכות ימים
- ❑ חיים טובים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער מלך אכזר געטון?**
- ❑ כליא געמאכט דעם גארטן
- ❑ כליא געמאכט זייער חיים טובים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט פאסירט צו די עשירים ווען זיי זענען געקומען נאנט צו די מדינה פון דעם גארטן?**
- ❑ זיי האבן אוועק געווארפן זייער געלד
- ❑ ס'איז ביי זיי כליא געווארן די טעם
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען

**ח. צו וועם האבן די מדינה פון דעם גארטן געשיקט שליחים זיי צו העלפן?**
- ❑ צו דעם טויבן בעטלער
- ❑ צו די מדינה פון די עשירים
- ❑ צו דעם אגראדניק

**ט. ווער איז אריין געגאנגען מיט די שליחים צו די מדינה פון דעם גארטן?**
- ❑ דער טויבער בעטלער
- ❑ די עשירים
- ❑ דער אגראדניק

**י. וואס האט ער געהערט רעדן אין די מדינה?**
- ❑ חיזוק און התעוררות
- ❑ לשון הרע
- ❑ ניבול פה

**יא. וואס האט ער געזען אין די בתי דינים דארטן?**
- ❑ אז זיי זענען עהרליכע דיינים
- ❑ אז זיי מאכן יושר'דיגע פשרות
- ❑ אז זיי נעמען שוחד און ס'איז נישטא ביי זיי קיין אמת

**יב. וואס נאך האט ער געזען אין די מדינה?**
- ❑ אז זיי זענען בעלי גאוה
- ❑ אז זיי זענען פיל מיט ניאוף
- ❑ אז זיי זענען בעלי אמונה

**יג. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט דעם טעם פון די מדינה?**
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**יד. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט די מראה פון די מדינה?**
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**טו. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט די ריח פון די מדינה?**
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**טז. וואס זאגט זיי דער בעטלער אויב זיי וועלן רייניגן די מדינה פון די דריי כתות?**
- ❑ אז עס וועט פאראכטן ווערן ביי זיי די מראה טעם און ריח
- ❑ אז זיי וועלן טרעפן דעם אגראדניק
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. וואס האט דער טויבער בעטלער געגעבן דרשה געשאנק?**
- ❑ חיים ארוכים
- ❑ חיים טובים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

***יח. שאלת זכות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם טויבן בעטלער?*** *(עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)*
- ❑ *ביום שב"ק כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *ביום רביעי כ"ט אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שב"ק ג' ניסן תק"ע*

**עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פרייליך – מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com